# תורתו של רבינו

## זאת התורה לא תהא מחלפת

### כ״א כסלו תשע״ו



חלק א׳

בית רחל קרית יואל

איסור השגת גבול

# א. די שלש שבועות

אין די צייט נאך די צווייטע וועלט מלחמה האבן די ציונים געקעמפט און צום סוף מיט כח, האבן זיי עררייכט דאס לאנד ארץ ישראל. דאס איז זיי געלונגען נאכן פירן ביטערע מלחמות מיט די ענגלענדער און די אראבער, זיי האבן דאס א נאמען געגעבן מדינת ישראל.

די רשעים האבן מיט דעם שריט עובר געווען אויף די **שלש שבועות** וואס די הייליגע חז"ל זאגן אז מיט דריי שבועות האט השי"ת באשוואוירן אידישע קינדער.

1. **שֶׁלֹּא יַעֲלוּ בחוֹמָה** - מען טאר נישט ארויפגיין אין ארץ ישראל (אין גרויסע גרופעס) פארן זמן פון די גאולה.
2. **שֶׁלֹּא יִמְרְדוּ בּאֻמּוֹת** - מען טאר נישט ווידערשפעניגן קעגן די גוים פאר ביאת המשיח.
3. **שֶׁלֹּא יִדְחֲקוּ אֶת הַקֵּץ** - מען טאר נישט טוהן פעולות זיך אויסצולייזן פון גלות פאר די צייט.

נאך פריער (פאר די צווייטע וועלט מלחמה) האבן די ציונים ארגאניזירט **'עליות'.** גאנצע גרויסע גרופעס האבן זיי ארויפגעברענגט קיין ארץ ישראל, מיט דעם האבן זיי עובר געווען אויף **שבועה #1.** דארט אין ארץ ישראל האבן זיי **ווידערגעשפעניגט** אין די ענגלענדער, זיך **גערייצט** און אויסגעטיילט צרות פאר די אראבער, און ענגלענדער וואס האבן געהאט בעלות אויף ארץ ישראל. מיט דעם האבן זיי עובר געווען אויף **שבועה #2.** אזוי אויך האבן זיי **געטוהן פיל פעולות** און געפירט פארהאנדלונגען מיט די יו. ען. און די וועלט פירער אז זיי זאלן עררייכן ארץ ישראל. זיי זאלן האבן אן אייגענע זעלבסט שטענדיגע מדינה, זיי זאלן מער נישט דארפן וואוינען **אין גלות** צווישן די פעלקער. מיט דעם האבן זיי עובר געווען אויף **שבועה #3.**

די דאזיגע שבועה האט השי"ת באגלייט מיט א ווארענונג "אויב איר וועט איינהאלטן די שבועה איז גוט אויב נישט **"אֲנִי מַתִּיר אֶת בְּשַׂרְכֶם כִּצְבָאוֹת וּכְאַילוֹת הַשָּׂדֶה"** השי"ת וועט ח"ו מפקיר זיין כלל ישראל אזוי ווי די הערשן און אונדן פון פעלד (ר"ל). דער שטראף וועט זיין אז אידיש בלוט וועט ח"ו זיין הפקר. אזוי ווי מיר זעהן טאקע אז פון ווען די מדינה שטייט איז דארט נישט דא קיין רואיגע טאג, טויזנטער אידן זענען שוין ליידער גע'הרג'עט געווארן אין ארץ ישראל צוליב די שטראף פון אני מתיר את בשרכם.

## ב. דער רבי זי"ע באלייכט די אויגן

ווען עס איז געווארן באשטימט אז די ציונים באקומען א מדינה, ה' אייר תש"ח איז געווארן ליידער א גרויסע שמחה ביי רוב אידן. נאכן מיטמאכן אזא ביטערע מלחמה האבן אידן פארגעסן פון די שלש שבועות און זיי האבן געמיינט אז די מדינה וועט זיין פאר זיי א הצלה מען וועט שוין מער נישט ליידן פון די גויים. עס האט דאן געהערשט א גרויסע **"בלבול המוחות"** דאס מיינט די געדאנקען פון די אידן זענען געווען צומישט. מען איז נישט געווען קלאר, מעג מען טאקע נישט האבן א מדינה, פארוואס נישט?

דער הייליגער רבי זי"ע איז געווען א **צדיק קדוש וטהור**, די ריינע לויטערע **אמונה** איז געווען ביי אים קלאר ווי די טאג. ער איז נישט געווארן צומישט און נישט פארדרייט, ווייל ער האט געוואוסט קלאר, אז עס קען נישט פארפאלן גיין אפילו אייןווארט פון וואס דער אויבערשטער האט צוגעזאגט, און פון וואס אונזערע הייליגע חכמים און נביאים האבן פאראויסגעזאגט. אזוי ווי מיר זאגן אין די ברכה פון די הפטורה יעדן שבת: **"וְדָבָר אֶחָד מִדְּבָרֶיךָ אָחוֹר לֹא יָשׁוּב רֵיקָם"** אפילו איין ווארט פון דיינע רייד (דעם אויבערשטן'ס) וועט זיך נישט אומקערן ליידיג.

- דער אויבערשטער האט געזאגט פאר א"א אז זיינע קינדער וועלן גיין אין גלות מצרים 400 יאר און דאן וועלן זיי ארויסגיין ברכוש גדול. איז טאקע אזוי געווען.
- דער אויבערשטער האט געזאגט פאר ירמי' הנביא אז די אידן וועלן זיין אין גלות בבל 70 יאר דאן וועלן זיי צוריק ארויפגיין קיין א"י בויען די צווייטע בית המקדש. איז טאקע אזוי געווען.

**"אני מאמין - שכל דברי נביאים אמת!"** מיר גלייבן מיט א גאנצע אמונה אז יעדע נבואה וועט מקויים ווערן פונקטליך וויאזוי עס שטייט געשריבן אין די הייליגע ספרים!

דער רבי זי"ע איז ארויסגעקומען און מיט א קלארקייט ערקלערט **מען טאר נישט נעמען די גאולה פאר די צייט** ווייל עס שטייט קלאר אין די תורה אז דער אויבערשטער זאגט פאר אידישע קינדער אז נאר ווען אידן וועלן תשובה טוהן דאן **"וְשָׁב ד' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ"** דער אויבערשטער אליין וועט צאמנעמען און אומקערן די אידן צו זייער לאנד **"אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמַיִם מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ ד' אֱלֹקֶיךָ"** אפילו מיר וועלן זיין פארשטויסן אין אלע עקן פון די וועלט וועט דער אויבערשטער אונז צוריק צאמנעמען און אויסלייזן פון גלות.


דעם רבינ'ס קוויטל שטוב אין קרית יואל פון וואו דער רבי האט באלייכטן די אויגן פון כלל ישראל

### דער רבי האט אונז געלערנט:

ארויפגיין אויף ארץ ישראל פאר די צייט, און זיך אליין נעמען א מדינה, פאר דער אויבערשטער נעמט אונז ארויס פון גלות, איז כפירה אין גזירת הגלות, עס איז כפירה אין ביאת המשיח.

### דער רבי האט אונז געלערנט:

אז ווער עס האלט ח"ו ווי די ציונים אז עס מעג זיין א אידישע מדינה

פאר משיח קומט, און אז מ'מעג אראפווארפן פון זיך דעם עול פון גלות, און זיך רייצן און זיך קריגן מיט די גוים,



דער איז אן **אפיקורס!** (ח"ו)

## דער רבי האט אונז געלערנט:

דאס וואס אידישע קינדער עקזיסטירן אין גלות ווי שעפעלעך צווישן זיבעציג וועלף איז ווייל דער אויבערשטער היט אויף זיין הייליג פאלק. פונקט פארקערט ווי די ציונים וואס זאגן אז מען מוז האבן א לאנד און א מיליטער און גוטע באמבעס צו היטן אויף די אידן. זיי זאגן אז די עתיד פון כלל ישראל ווענדט זיך אין "כחי ועוצם ידי" אין וויפיל טאנקען און באמבעס מען האט און וואספארא מיליטער מען האט. מיר גלייבן אז פונקט ווי דער אויבערשטער היט אונז אפ אין גלות, וועט אונז דער אויבערשטער אליין אויסלייזן, די גאולה ווענדט זיך נישט אין קיין מענטשליכע כחות.



## דער רבי האט אונז געלערנט:



דער אויבערשטער האט געזאגט פאר א"ק ביי מתן תורה **"וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי וִהְיִיתֶם לִי סְגוּלָּה מִכָּל הָעַמִּים"** אויב איר וועט אננעמען מיין תורה, איר וועט איינהאלטן די מצוות וועט עטץ זיין פאר מיר אן אויסדערוועלט פאלק פון אלע פעלקער, אידן זענען אן עם סגולה **באר** דורך היטן תורה ומצוות. **"אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ"** דער אויבערשטער האט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער מיט דעם וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה. **"אן מקיים זיין תורה ומצות קען מען נישט זיין קיין איד."**

די ציונים האבן געטוישט רח"ל די טייטש פון א איד. א איד מיינט לויט זיי - א בירגער פון מדינת ישראל, א לאנד מיט א מיליטער און מען רעדט זייער שפראך, דאס איז כפירה אין דעם אויבערשטן און כפירה אין די הייליגע תורה.



די אלע ערקלערונגען האט דער רבי געשריגן ווי א לייב ביי די שלש סעודות תורות, טייכן טרערן האט דער רבי פארגאסן וועגן די כפירה און חילול שם שמים וואס קומט פאר. אויך האט דער רבי געשריבן דעם ספר **"ויואל משה"** וואס דער רבי ערקלערט קלאר די אלע האקעלע ענינים עפי' תורה.

# ג. אסור הבחירות

רבינו הק' זי"ע האט אונז געלערנט **"התבדלות"** זיך אפצוטיילן פון די מדינה. אין זיין ספר "ויואל משה" ערקלערט דער רבי דעם יסוד אז די מדינה איז געבויעט מיט כפירה קעגן אויבערשטן און קעגן וואס עס שטייט אין די תורה. במילא איז יעדע אקטיוויטעט אין די מדינה א טייל פונעם שרעקליכן מרידה אין דעם אויבערשטן.

די פלאץ פון די אלע אקטיוויטעטן פון מינות און כפירה, וואו אלעס ווערט באשטימט איז אין זייער פארלאמענט, אדער ווי זיי רופן עס **'כנסת'** און ווי מיר רופן עס **'כנסת המינים'**.

- דארט איז די פלאץ וואו זיי באשטימען די אקטיוויטעטן פון די מדינה.
- דאס נעמט אויך אריין דאס רייצן זיך מיט די גוים.(התגרות באמות).
- דארט איז די פלאץ וואו זיי געבן ארויס גזירות אויסצורייסן אידישקייט.
- דארט מאכן זיי געזעצן פונקט ווי די גוים און זיי רעכענען זיך בכלל נישט מיט וואס עס שטייט אין די תורה.

צוליב די אלע טעמים איז עס פאררעכנט פאר א **"בית מינים"** און עס איז אסור דארט אריינצוטרעטן.

אזוי אויך איז אסור צו זיין א מיטגליד - א **'חבר כנסת המינים'** ווייל מיט דעם ווערט ער א שותף אין דעם כנסת און אין אלע זייערע פעולות. די דעמאקראטישע כללים איז אז יעדער מיטגליד איז אן עיקר, און זיין מיינונג באשטימט. אין הייליגן ספר ויואל משה רעכנט דער רבי אויס מערערע יסודות וואס ברענגען ארויס קלאר אז מיטן זיצן אין דעם כנסת המינים שפילט מען זיך מיט די הארבסטע ענינים פון די יסודות פון אמונה.


מכתב קודש ממרן הגאון הקדוש רשכבה"ג
רבינו יואל טייטלבוים זצוק"ל - גאב"ד ירושלים תובב"א

ב"ה

שלום וכט"ס אל כבוד אהובי ידידי הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א
בי דינא רבא דעיה"ק ירושלם תובב"א, אתה ה' תשמרם וכצינה רצון תעטרם.
אחדשת"ה באה"ר כמשפט ליראי ה' ולחושבי שמו.
מכתבכם הגיעני בדבר האיסור על ההשתתפות בבחירות לכנסת, הנה הרבה יותר ממה שכתוב במכתבכם כבר
כתבתי בספרי הקטן ויואל משה,

**וממש איני רואה איסור חמור יותר בכל התורה כולה**

כי ההשתתפות לכנסת הוא השתתפות למינות וע"ז וכפירה גמורה בהשי"ת ובתוה"ק כאשר נתבאר באריכות בספרי הנ"ל, וגם נשבע להתמסר לחוקי המדינה אשר בתוכם כל חוקי התועבות הרעות הנ"ל ר"ל שא"א להיות מצירי הכנסת בלי השבועה הטמאה הזאת.

מלבד שע"י כניסתם לתוכם גם מקבלים מהם כבוד וממון וכדומה, נותנים להם בזה חיזוק רב שירהיבו עוז בנפשם יותר להסית ולהדיח רבי רבות מישראל קטנים עם הגדולים למינות וכפירה ר"ל, ואין ספק שאילו לא הי' משתתפים עמהם גם שומרי תורה ומצות, הי' מציאות לפעול אצלם הרבה שלא ירעו ולא ישחיתו כ"כ, נגד רצון הכואבים והדואגים על שפלות התורה והדת ולא הי' לבם בריא להם כאולם כ"כ, אבל ע"י ההשתתפות ביניהם והשוחד העצום שמקבלים מהם המעוור עיני חכמים ומסלף דברי צדיקים יודעים כי בידם המה ואומרים הכל אתנו מי אדון לנו, וכח התורה נחלש ושטנא נצח בעוה"ר ומי יודע עד היכן הדברים יגיעו עוד ר"ל, וכל ההולכים אל הבחירות לשלוח צירים לכנופיית הכופרים האלה ר"ל ידם במעל הזה.

ובעצם רובץ על הבחירות איסור נורא ואיום שאי אפשר להתירו בשום אופן אף אילו הי' למיגדר מילתא ומכש"כ כשהוא לגמרי בהיפך שאינו אלא חיזוק ידי עוברי עבירה ומביא פירצות נוראות ר"ל, ואין מקום להסתפק בזה, שזה דעת כל הגדולים והצדיקים שבדור שלפנינו כאשר שמעו אזני והבנתי מדבריהם הברורים כשמש בצהרים, והדור הזה כולו אין בכוחו להכריע אף באצבע קטנה מדור שלפנינו.

והשי"ת ירחם ויאיר עיניהם ולבם של ישראל לראות את האמת ולא יבושו ולא יכלמו לנצח, ונזכה לראות במהרה פני משיח צדקנו אשר אמת ושלו' יהי' בימיו.

א"ד הכואב ומתאנח במר לבב ובעינים צופיות לרחמיו חסדיו המרובים ית"ש.
באעה"ח ב' לסדר לא תגורו מפני איש כי המשפט לאלקים הוא, התשכ"א.

הק' **יואל טייטלבוים**

צוליב דעם טעם האבן אלע צדיקי אמת ומנהיגי ישראל גע'אסר'ט אנטייל צו נעמען אין די **'בחירות הטמאות'** (votes) ווייל יעדער מענטש ווען ער וועלט נוצט מען זיין מיינונג. און די מיינונג פון אלע מענטשן צוזאמען שטעלט צאם די רעגירונג, קומט אויס אז יעדער האט אן אקטיוו טייל אין צאמשטעלן דעם 'כנסת המינים'.

## ד. נעמען זייערע געלטער פאר די תלמוד תורה'ס און סקולס

דער רבי זי"ע האט אונז געלערנט אז **מען טאר ח"ו נישט נעמען געלט פון די ציוניסט'ישע רעגירונג**, וואס זי פארטיילט פאר די מוסדות און פראגראמען א.ד.ג. אז די מוסדות זאלן קענען אנגיין.

1. חינוך דארף זיין נאר פון א ריין מקור. זיי זענען א רעגירונג און זיי געבן געלט, דאס נעמען פון זיי גיבט זיי חיזוק, עס מאכט זיי פאר א זאך.
2. דער רבי ערקלערט אז דורך געבן געלט פאר די מוסדות ווערן זיי בעל הבית אויף די מוסד און מען מוז זיך רעכענען מיט וואס זיי הייסן און זאגן. לויטן יסוד פון **"כח הפועל בנפעל"** אז אפילו אומדירעקט אפילו אויסערליך בעטן זיי גארנישט, ווען מען נעמט געלט פון איינעם ווערט מען געבויגן צו אים, און צוביסלעך וועלן זיך ח"ו די מוסדות בייגן, און נאכגיין זייערע וועגן.

דער רבי זי"ע האט צוליב דעם געגרינדעט די מוסד פון **"קרן הצלה"**. צוליב דעם וואס די ציונים האבן פארטיילט ריזיגע געלטער, און די נסיון פון די ערליכע מוסדות איז געווען זייער גרויס. קרן הצלה פארטיילט געלטער פאר די ערליכע מוסדות וואס נעמען נישט קיין געלט פון די מדינה.


רבינו הק' ביים גרינדן די מוסד
קרן הצלה יאר תשל"ח

דער רבי האט דאן געזאגט פייערדיגע ווערטער **"ווער עס וועט העלפן פאר די מוסדות וועט משיח ווייזן מיט די פינגער אז די אידן האבן מקרב געווען די גאולה שלימה."**


**ערב חג הסוכות תשע"ה לפ"ק**
גבורי כח די מנהלי המוסדות בארה"ק שעפן זיך אן מיט געוואלדיגע חיזוק ביי די גרויסארטיגע חלוקה געלט שטיצע-פאר אלע מלמדים ומרביצי תורה לכבוד החג הבעל"ט


מנהלי המוסדות שרייבן אונטער די שטרי תמיכה פון קרן הצלה
**~ חודש תמוז תשע"ד לפ"ק ~**

דער לייכט טורעם
מוסד הקדוש
שיקט געוואלדיגע געלט שטיצע 4 מאהל א יאהר באגלייט מיט פרעזענליכע
באזוכן פאר אלע הייליגע מוסדות התורה והחינוך בארה"ק
קרן הצלה

כ"א כסלו תשע"ו

## ה. זיך פרייען מיט זייערע נצחונות

אין יאר תשכ"ז איז פארגעקומען די **'זעקס טאגיגע מלחמה'** ווען די ציונים האבן מיט א בליץ - קריג קעגן די אראבער געוואונען די אראבער און זיי האבן באקומען אין זייער באזיץ די **כותל**, די הייליגע מערב וואנט פון די מויער פון די הר הבית. **הר הזיתים** - די בארג וואו עס ליגן באערדיגט אלע קדושים פון הונדערטער יארן פריער. **אלט שטאט ירושלים** - די אור אלטע שטאט ירושלים. די שמחה ביי די מאסן איז געווען זייער גרויס, מען האט געטאנצט אין די גאסן.




**דער רבי האט אונז דאן געלערנט:**

- מען טאר זיך נישט פרייען מיט די הצלחה פון די ציונים, מיט זייער זיג, ווייל דאס מיינט אז מען פריידט זיך מיט כפירה, מען פריידט זיך מיט די וואס האבן מורד געווען אין דעם אויבערשטן.
- מען טאר נישט טראכטן אז די ציונים, די רשעים קענען ברענגען טובות פאר אידן. מיט דעם וואס מען טראכט אז עס קען קומען גוטס פאר אידן דורך רשעים, און דורך עבירות, דורך זאכן וואס זענען קעגן די תורה, אויב מ'טראכט ח"ו אזוי לייקנט מען אין השגחה פרטיות.

דער רבי האט דאן געזאגט די באוואסטע נשא תורה, האט דער רבי געזאגט אז **מ'טאר נישט גיין צום כותל** און צו די אנדערע פלעצער וואס די ציונים האבן איינגענומען ווי מערת המכפילה, קבר רחל און נאך. צוליב עטליכע טעמים:

1. ער איז מיט דעם **מחזק די רשעים** די עוברי עבירה, מען ווייזט אז מען פריידט זיך מיט זייער נצחון און מיט זייער דערגרייכונג.
2. די ציונים נוצן די פלעצער פאר א **'נאציאנאלע אנדענק פלאץ'** צו בויען די פאטריאטישקייט און שטאלץ פאר די מדינה, אין די פלעצער פאראייניגן זיי זייערע הערצער צו ציוניזם. ווען אן ערליכער איד קומט דארט, קוקט עס ח"ו אויס ווי ער איז א טייל פון אט די געדאנק פון נאציאנאליזם, וואס איז קעגן די תורה.
3. די הייליגסטע פלאץ פון כותל וועט ווערן **א פלאץ פון מינים - אפיקורסים** ווי זיי וועלן מאכן זייערע צערעמאניעס, און **א פלאץ פון תערובות און פריצות.** וואס מיר זעהן אז עס איז ליידער אזוי.

צוליב די צומישעניש ביי אידן האט דער רבי מיט גרויס ווייטאג אראפגעשריבן די דעת תורה איבער די אלע ענינים אינעם ספר "על הגאולה ועל התמורה."

## ו. די העברעאישע שפראך

כדי צו עררייכן זייער ציל אז די אידן זאלן זיין א פאלק ווי אלע פעלקער "ככל הגוים בית ישראל", פאדערט זיך צו האבן א לאנד, א מיליטער, און א שפראך. דעריבער האבן די ציונים גענומען די הייליגע שפראך לשון הקודש און עס איבערגעאנדערשט פאר א נאציאנאלע שפראך.

דער רבי ערקלערט אין ספר ויואל משה, אין מאמר לשון הקודש, ווי הארב עס איז דאס וואס די ציונים האבן געטוהן ווי פאלגנד:

1. **דאס עצם מאכן א שפראך** צו שטארקן דאס ציוניזם אז אידן זאלן זיין פונקט וי אלע פעלקער מיט א שפראך, לאנד און מיליטער. איז אסור פונקט ווי ציונות איז אסור און כפירה.
2. **דאס נעמען די הייליגסטע שפראך לשון הקודש** וואס מיט דעם האט השי"ת באשאפן די וועלט און מען נוצט עס פאר לימוד התורה. תפילה און הייליגע זאכן, און עס וואכעדיג מאכן פארן טאג טעגליכן באנוץ, האט מען פארשוועכט די הייליגע שפראך, עס ביליג געמאכט.
3. **זיי האבן עס אויסגעדרייט לשם מינות** זיי האבן צוגעלייגט פיל נייע ווערטער און אויסדרוקן, אזוי אויך האבן זיי גענומען גאר הייליגע באגריפן פאר טאג טעגליכע ביליגע זאכן השם ישמרנו. זיי האבן עס אנגעפולט פול מיט ביליגע ווערטער מיאוסע אויסדרוקן און ניבול פה.

אין א קול קורא פון פאר די צווייטע וועלט מלחמה געשריבן דורכן צדיק ר' שמעון'לע זש'עליכאווער איבער די טמא'נע העברעאישע שפראך שרייבט ער דארט אז יעדע פאלק האט זיך זיין שפראך, פון די שפראך דערקענט מען די מידות פון די פאלק צ.ב. די דייטשע שפראך איז פול מיט חנופה'דיגע אויסדרוקן און פיל מיט אויסדרוקן פון רציחה און בלוט פארגיסונג. די פוילישע שפראך איז פול מיט גאוה א.א.וו. להבדיל די אידישע שפראך איז פול מיט אויסדרוקן פון רחמנות. די העברעאישע שפראך איז אן אפשפיגלונג פון אלע מדות רעות און איז פול מיט ניבול פה!

דער הייליגער קדושת יו"ט האט זייער געקעמפט קעגן די טמא'נע שפראך און האט געהייסן מען זאל זיך צוריקהאלטן פון רעדן די שפראך ווייל די אפיקורסים האבן פארשוועכט די הייליגע שפראך און זיי האבן געמאכט די שפראך לשם מינות.



ר' שמואל סאלאנט זצ"ל האט געזאגט אז מען טאר נישט רעדן העברעאיש ווייל פונקט ווי וויין וואס איז זייער א חשוב'ע זאך פאר קידוש און הבדלה, אבער ווען א גוי רירט עס אן ווערט עס פסול! דאס זעלבע איז מיט לשון הקודש, זי איז הייליג, אבער ווען א גוי / אן אפיקורס האט צוגעריהרט דערצו איז זי פסול!

דער רבי זי"ע האט געזאגט אז עס איז אסור צו לערנען די העברעאישע שפראך ווייל עס איז געמאכט פאר מינות!